בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

## אַ מְחַיֶ׳ צִיצִית

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 7

דִי הֵיילִיגֶע שְׁטְרִיק פוּן דִי צִיצִית אוּן זָאגְט: ״דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, מֶען קֶען קוֹיפְן אַבִּיסְל וָואל פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוּן מַאכְן דִי מִצְוָה, אָבֶער יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ קִישְׁן דִי צִיצִית אוּן קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וָואס אוֹיבּ מֶען וֶועט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע גֶעלְט אוּן אַלֶע מַתָּנוֹת אוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן שֵׁיינֶע שְׁטֵיינֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אֵיין מִינוּט וָואס גֵייט מִיט צִיצִית.

**די גליון איז נתנדב געווארן**
**דורך אונזער חשובער ידיד שליט״א,**
לטובת זיינע קינדער׳ס הצלחה אין תורה און יראת שמים, ולא תמוש התורה מפי זרעו ומפי זרע זרעו עד עולם

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט״א אין ׳קול ברסלב׳
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## אַ מְחַיֶּ׳ צִיצִית

גֶעבּ אַ קוּק, דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס קֶען דָאס זַיין? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן? נֵיין דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דָארְט אִיז דָאךְ אַזוֹי לִיכְטִיג, אִין גַן עֵדֶן אִיז בֶּעסֶער פוּן דִי וֶועלְט, נוּ פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? לָאמִיר אִים גֵיין פְרֶעגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער וִוילְנֶער גָאוֹן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן דִי תַּלְמִידִים וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט דָא פָאר, זֵיי פְרֶעגְן מִיט דֶרֶךְ



אֶרֶץ: ״רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן?״

״נֵיין, נֵיין״, עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִיק, ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע צַדִיקִים, אִיךְ וֵויין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית״; דֶער צַדִיק כַאפְּט אָן